וואָרום מיר האָבן דַעַת, אַז ווען דאס געצעלט, אונדזער ערדיש הויז, וועט צעשטערט ווערן, האבן מיר א בנין פון ה', א הויז, נישט מיט הענט געמאכט, אן אייביקס, אין הימל. ווארום אין דעם דאָזיקן זיפצן מיר, בענקענדיק אָנגעקליידט צו ווערן מיט אונדזער וואוינונג, וואס איז פון הימל; אוו אויב מיר וועלן טאקע אנגעקליידט ווערן, וועלן מיר נישט געפונען ווערן נאקעטע. ווארום מיר, וואס זענען אין דעם דאָזיקן געצעלט, זיפצן אונטער א משא, ווייל מיר ווילן נישט ווערן אויסגעטון, נאָר אָנגעטון כדי דאס שטערבלעכע זאל איינגעשלונגען ווערן פון דעם לעבן. און דער וועלכער האט אונדז צוגעגרייט דערצו, איז ה', וואס האט אונדז אויך געגעבן דעם עֵרָבוֹן פון דעם רוּחַ הַקוֹדֶש [פון ה']. דעריבער זענען מיר תמיד געטרייסט און האָבן דַעַת, אז כל-זמן מיר וואוינען אינם גוִיָה, זענען מיר נישט אינדערהיים ביי הָאָדוֹן. ווייל מיר וואנדלען אין אֱמוּנָה, נישט אין זעען. מיר זענען געטרייסט, און ווילן ליבער אויסוואנדערן פון דעם גוִיָה און זיין אינדערהיים ביים הָאָדוֹן. דערפאר שטרעבן מיר אויך, צי מיר זענען אינדערהיים צי מיר זענען ווייט, צו זיין וואוילגעפעלן פאר אים. ווארום מיר אלע מוזן דערשיינען פאר משיחס כסא-המשפט, כדי יעדער איינער זאל באקומען דאס, וואס ער האָט געטון אין דעם גוִיָה, גוטס אָדער שלעכטס. דעריבער, האבנדיק דַעַת פון דער מורא פאר הָאָדוֹן, זוכן מיר איבערצוצייגן מענטשן, פאר ה' אבער זענען מיר אנטפלעקט; און איך האָף, אז